## אויף זיי האלט זיך יידיש

# נאכן חורבן דארף יעדער יחיד טראגן אן אחריות

ד"ר שרה לאפיצקאיא

מיט מנדי כהנא בין איך פערזענלעך געווען באקאנט פון פריער, בעת די טרעפונגען אויף די זיצונגען פון דעם "וועלטראט פאר יידישער קולטור". מיטן זיסן דרומדיקן קלאנג פון גאליציאנער יידיש, וואס שטראמט פון זיינע ליפן, ווי אויך מיטן געלאסענעם און איבערצייגנדיקן טאן, פלעגט ער גלייך צוציען די אויפמערקזאמקייט פון יעדער



דער יונגער מנדי אויף די אלטע גאסן פון ווילנע

אוידיטאריע צוהערער. חוץ דער צוציענדיקער קראפט פון זיין זינגעוודיקן יידיש קאן מען אויך נישט פארלייקענען זיין אומאויסשעפלעכע ענערגיע און ווילן פאר יעדן פרייז אויפצוהאלטן יידיש.

זינט ער איז עולה געווען פון בעלגיע אין יאר 1980, ווידמעט ער זיין לעבן דער אנטוויקלונג פון דער יידישער קולטור. צום אנהויב האט ער באקומען די געהעריקע בילדונג: פארענדיקט א ירושלימער ישיבה, כדי צו האבן א יסודסדיקע פארשטעלונג אין דער יידישער טעאלאגיע. דערנאך איז מנדי אנגעקומען אין העברעישן אוניווערסיטעט, ווו ער האט באקומען צוויי באקאלאווריאטן: אויף יידישער ליטעראטור און אלגעמיינער פילאסאפיע.

איידער דער יונגערמאן האט זיך פאראינטערעסירט מיט ביכערוועזן, האט ער באוויזן אויספרובירן זיינע כוחות אלס איבערזעצער פון אלט-יידיש אויף ענגליש, געווען א מיטארבעטער אין דער "נייער צייטונג", זיך באטייליקט אין "קול-ישראל" אין די יידישע אודיציעס א.א.וו.

ערשט ווען ער האט שוין געהאט דעם נויטיקן באגאזש פון יידישע וויסן און א ניסיון אין דער ארבעט, האט מנדי זיך גענומען צום ציל: ראטעווען אונדזער קולטורעלן רייכטום. קודם כל האט מנדי צונויפגעזאמלט ארום זיך א גרופע יונגע ענטוזיאסטן און געקומען צום אויספיר, אז אנהייבן דארף מען פון זאמלען יידישע ביכער, וועלכע מענטשן האבן גענומען ארויסווארפן דירעקט אויף דער גאס.

דעם "ביכער-צענטער", וועלכער געפינט זיך היינט אין ירושלים אויף דער גאס ירמיהו 52 און ציילט העכער 36.000 ביכער, האט מנדי כהנא געגרינדעט אין 1989. אינעם "צענטער" געפינען זיך ניט נאר אפגעראטעוועטע פריוואטע ביכער, נאר אויך גאנצע ביבליאטעקן. אבער פיל פון אט די ביכער ליגן נאך ביז היינט צו טאג אין קאסטנס צוליב דער ענגשאפט פון לאקאל. און דאך שטעלט זיך דער יונגער ענטוזיאסט ניט אפ, כדי אויסצופילן דעם פולן פראגראם פון "ביכער-פראיעקט".

אין איינער פון די פילצאליקע ווענדונגען צו די אפיציעלע אמטן ווייזט אן מנדי, אז "דער ציל איז אויפזאמלען און אפהיטן יידישע ביכער, כדי עס זאל זיך מיט זיי קאנען באנוצן דער דור פון תלמידים, פארשערס און לייענערס ווי פון אונדזערע טעג, אזוי פון דער צוקונפט". אבער, ווי באוווסט, ווען עס קומט צו יידיש, ווערן די רעגירונג-באאמטע "טויב" אויף אזוי פיל, אז מען געפינט אפילו ניט פאר נויטיק צו ענטפערן. געוויס, איז מנדי אויך ניט געווען קיין אויסנאם פון כלל.

און דאך האלט עס ניט אפ דעם ענטוזיאסט. אין צוויי יאר ארום גרינדעט מנדי כהנא א נייע געזעלשאפט "יונג יידיש", ווו עס פיגורירט שוין א גאנצע ריי צילן, וועלכע ווערן באצייכנט אין יעדער איינלאדונג פון קאלעקטיוו: "דערוועקן אויפמערקזאמקייט און אינטערעס פאר יידיש", "ארגאניזירן קולטורעלע און קינסטלערישע אימפרעזעס, דערמוטיקן און פארשפרייטן יידישע שעפערישקייט. עס איז אויך אנגעוויזן אויף די איינלאדונגען דער פראגראם פון קלייבן ביכער.

כדאי צו באמערקן, אז פון דער עצם איינלאדונג קאן מען שעפן די גאנצע אינפארמאציע, מיט וואס עס באשעפטיקט זיך "יונג יידיש". יעדן מוצ"ש קומען פאר פארשיידענע באגעגענישן מיט יידישע קינסטלערס, עס ווערן דורכגעפירט לימודים אויף יידיש, ליטערארישע טרעפונגען און קאנצערטן, טעאטער און טענץ, און ווי עס פירט זיך ביי יוגנט, אויך פארוויילונגען. פון זינט די געזעלשאפט "יונג-יידיש" איז געשאפן געווארן ביז היינט צו טאג ציילט זי קרוב צו 600 אנטיילנעמער. און דאס אלץ איז דערגרייכט געווארן אן איין פרוטה שטיצן פון רעגירונגס-אמטן. א לויב צו די פריוואטע יידיש-ליבהאבער, וואס שטיצן אט די שיינע פראיעקטן!

די ברייטע טעטיקייט האט אויסגעוויזן מנדי כהנא ניט קיין פולקומע. און דאן האט דער יונגערמאן באשלאסן, אז עס איז די רעכטע צייט זיך צו פארנעמען מיט א פראיעקט, וואס זאל צוציען דעם אינטערעס צו יידיש ביי דער אויסלענדישער יוגנט. און געוויס האט זיך באלד איינגעפונען פראפ. דוד קץ, וועלכער איז ניט קיין קלענערער ענטוזיאסט פון מנדי. זיי ביידע האבן מיט 5 יאר צוריק געגרינדעט יידישע זומער-סעמינארן פאר היגע און אויסלענדישע תלמידים ביים ווילנער אוניווערסיטעט, וועלכע האבן דערפאלג.

היינט צו טאג איז דער פראיעקט פארוואנדלט געווארן אין א פערמאנענטן אינסטיטוט ביים ווילנער אוניווערסיטעט, אין וועלכן מנדי כהנא פארנעמט דעם פאסטן פון אדמיניסטראציון דירעקטאר.

מיט צוויי יאר צוריק ביי א באזוך אין ירושלים ד'ליטא האב איך מיט מיין מאן, דעם שרייבער אברהם קארפינאוויטש ווי אויך מיט מיין ווילנער משפחה, זיך באטייליקט אין איינעם פון די איינדרוקספולע אוונטן, וועלכע מנדי האט דארט ארגאניזירט. זיין ענטוזיאזם ביים אנפירן מיט אט דער אונטערנעמונג איז געווען אזוי גרויס, אז מיט דעם צוציענדיקן כישוף האט ער אנגעשטעקט דעם פולן זאל תלמידים און געסט. צום סוף פון אוונט האבן געטאנצט יונג און אלט, אפילו אן אמעריקאנער תלמידה, וואס איז, נעבעך, געווען אויף קוליעס. אודאי געסט, וועלכע האבן זיך געשעמט אדער ניט געהאט קיין כוח מיטצוטאנצן, זיינע געזעסן מיט צושמייכלטע און גליקלעכע פנימער. האבן זיי כאטש זיצנדיק געפאטשט צום טאקט מיט די הענט און צוגעקלאפט צום גראם מיט א פוס.

איך, וועלכע האט מיין גאנץ לעבן געווידמעט דעם קאמף פאר יידיש, בין געזעסן א באגייסטערטע. אויב עס זיינען נאך פאראן אזוינע ענטוזיאסטן אויף דער וועלט, האט דאך באמת יידיש א צוקונפט!

ביים פערזענלעכן געשפרעך מיט מנדי, האט ער מיר דערקלערט, אז שטיצן דארף מען זיך אויף אייגענע כוחות, "ווייל נאכן חורבן דארף יעדער יחיד טראגן אן אחריות אפצוהיטן אונדזער קולטור". זיינע ווערטער זיינען געווען אין איינקלאנג מיט מיינע געפילן און צוגעגעבן נאך מער האפענונג, אז יידיש געפינט זיך אין גוטע הענט.

איז לאמיר טאקע ווינטשן דעם יונגן יידישן קולטור-טוער לאנגע שעפערישע יארן און כוח צו פארווירקלעכן אלע זיינע חלומות. הלוואי! אמן!

# מיט וואס מיר פארנעמען זיך

(המשך פון זייט 12)

נעמט ניט קיינע רפואות. איר מאן איז געשטאנען דערביי און אויף יעדער ווארט צוגעשאקלט מיטן קאפ.

דא האט זיך ארייננגעמישט איר פריינדין דאקטאר העטמאן און געפאדערט זי זאל דערציילן דעם אמת, אדער זי פארלאזט דעם שפיטאל. דאן האט עפרה חזה און איר מאן באשלאסן צו דערציילן דעם אמת.

דער אמת אבער איז געקומען צו שפעט. די דאקטוירים האבן איר שוין ניט געקאנט העלפן. דאס נעמען רפואות אן א קאנטראל און אן א מעדיצינישער השגחה האבן אינגאנצן אפגעשוואכט איר ארגאניזם און ער האט אויפגעהערט רעאגירן.

וואס איז געווען דער סוף פון איר שותף צו דעם סוד, איר מאן דורון אשכנזי? דער גורל האט אים באשטראפט דערפאר אויף א באזונדערן אופן. אשכנזי איז געשטארבן פערצן חדשים נאכן טויט פון זיין פרוי עפרה חזה, ביים נעמען א צו גרויסע דאזע נארקאטיק, צו וועלכע ער האט זיך געהאט צוגעוווינט.

מען קאן זאגן מיט א ריינעם באוווסטזיין, אז די קינסטלערין עפרה חזה איז געפאלן א קרבן פון הינטערשטעליקן אויפנעמען פראבלעמען.

ווי געזאגט, ס'וואלט געווען בעסער, ווען אט דער טראגישער עפיזאד זאל ניט ווערן צוריקגעבראכט צו דער עפנטלעכקייט, און ער זאל פארגעסן ווערן צום כבוד און אנדענק פון א קינסטלערין, וועלכע האט געבראכט אזוי פיל אנזען אונדזער מדינה פאר דער גאנצער וועלט.